ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# השבת

ערשטער טייל
פינפטער קאפיטל
אידיש

731

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

# פינפטער קאַפּיטל

# קבלה און חסידות

## פון „זוהר"

א. „און גאָט האָט געענדיקט צום זיבעטן טאָג". האָט ר' חזקיה געזאָגט: קום און זע, הגם אַלע מעשים זיינען פאַרענדיקט געוואָרן איינס נאָכן אַנדערן, אָבער די גאַנצע וועלט איז נאָך ניט געווען גאַנץ אין איר הויה ביז ס'איז געקומען דער זיבעטער טאָג. ווי נאָר דער זיבעטער טאָג איז געקומען, האָבן זיך פאַרענדיקט אַלע מעשים און גאָט־ברוך־הוא האָט דורך אים פאַרגאַנצט זיין וועלט. דאָס איז וואָס דער פסוק מיינט „און גאָט האָט געענדיקט צום זיבעטן טאָג זיין אַרבעט וואָס ער האָט געמאַכט", אין יענעם טאָג איז פאַר־גאַנצט געוואָרן די גאַנצע אַרבעט וואָס ער האָט געמאַכט, אין איר הויה.

ב. אין פאַרהייליקונג פון טאָג מאַכן מיר די ברכה: „וואָס פאַר־שפּרייט די סוכה פון שלום איבער אונדז און איבער זיין גאַנצן פאָלק ישראל און איבער ירושלים". וואָס עפּעס איבער ירושלים? ווייל זי איז דאָס וואוי־נונג־פּלאַץ פון דער דאָזיקער סוכה און מ'דאַרף איינלאַדן די דאָזיקע סוכה, אַז זי זאָל זיין אויסגעשפּרייט איבער אונדז און רוען איבער אונדז און אונדז באַשיצן, ווי אַ מאַמע אירע קינדער, און דערפאַר האָבן מיר קיין מורא ניט פאַר אַלע בייזע ווינטן און דעריבער זאָגן מיר: „דער וואָס פאַרשפּרייט די סוכה פון שלום איבער אונדז". קום און זע: ווען אידן בענטשן און לאַדן איין די דאָזיקע סוכה פון שלום, די הייליקע אכסניה און זאָגן „הפורש סוכת־שלום" — נידערט אַרונטער די אויבערשטע קדושה און שפּרייט אויס אירע פליגלען אויפן פאָלק ישראל און דעקט צו איבער זיי, ווי אַ מאַמע וואָס שוועבט איבער אירע קינדער.

(פרשה בראשית)

ג. „זאָלסט געדענקען דעם טאָג שבת, אים צו האַלטן הייליק". האָט ר' יצחק געזאָגט: דער פסוק זאָגט „און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג", און ס'שטייט געזאָגט ביים מן: „זעקס טעג וועט איר עס קלייבן, אָבער אויפן זיבעטן טאָג איז שבת, דעמאָלט וועט עס ניט זיין" — וויבאַלד מ'געפינט ניט אין אים קיין עסן, טאָ וואָס פאַר אַ ברכה איז אין אים פאַראַן? נאָר מיר האָבן אַזוי געלערנט: אַלע ברכות פון אויבן און פון אונטן זיינען אָנגעהאַנגען אויפן זיבעטן טאָג. און מיר האָבן נאָך געלערנט: פאַרוואָס איז ניט געפונען געוואָרן קיין מן אין זיבעטן טאָג? ווייל פון דעם דאָזיקן טאָג ווערן געבענטשט

אַלע אויבערשטע זעקס טעג און יעדער איינציקער פון זיי גיט זיינע שפייזן צו דער אונטערשטער וועלט, יעדער איינער אין זיין טאָג, פון יענער ברכה מיט וואָס ער איז געבענטשט געוואָרן אויפן זיבעטן טאָג. און דערפאַר: יענער וואָס שטייט אין דער מדרגה פון אמונה, באַדאַרף גרייטן זיין טיש פאַר דער סעודה פון שבת־נאַכט, כדי זיין טיש זאָל געבענטשט זיין אַלע זעקס טעג פון דער וואָך, ווייל אין יענער צייט איז די ברכה גרייט, אַז אַלע זעקס טעג זאָלן געבענטשט ווערן, און די ברכה רוט ניט אויף אַ ליידיקן טיש. און דעריבער דאַרף אַ מענטש גרייטן זיין טיש שבת־נאַכט מיט ברויט און עסנס. ר׳ יצחק זאָגט: שבת דורכן טאָג איז אויך אַזוי. ר׳ יהודה זאָגט: אַ מענטש דאַרף זיך לאָזן וואוילגיין אין יענעם טאָג און עסן שבת דריי סעודות, כדי ס׳זאָל זיין זעט און פאַרגעניגן אין דעם טאָג איבער דער וועלט. ר׳ אבא זאָגט: כדי ס׳זאָל זיין די ברכה פאַר די אויבערשטע טעג, וואָס ווערן געבענטשט פון דאָזיקן טאָג. אין דעם טאָג ווערט פול דער קאָפּ פון משיח מיטן טוי וואָס פאַלט פון דעם הייליקן עתיק־ימים, וואָס איז פון אַלעמען פאַרהוילן, און וואָס לאָזט אים שפּריצן אויפן פעלד פון די הייליקע עפּל דריי מאָל זינט דער שבת איז אַריינגעקומען, כדי זיי זאָלן אַלע אינאיינעם געבענטשט ווערן. און דעריבער דאַרף דער מענטש האָבן תענוג און זיך פרייען מיט די דאָזיקע דריי מאָל, ווייל אויף דעם הענגט אָפּ זיין העכערע אמונה אין הייליקן עתיק־ימים, אין משיח און אין פעלד פון עפּל. און דערפאַר דאַרף דער מענטש האָבן תענוג און זיך פרייען מיט זיי און ווער עס מינדערט איין סעודה — מאַכט אַ פּגימה אויבן און דער עונש פון יענעם מענטשן איז זייער גרויס. און דעריבער דאַרף אַ מענטש גרייטן דריי מאָל זיין טיש דורכן טאָג פון שבת, אַז זיין טיש זאָל ניט זיין ליידיק און די ברכה זאָל רוען אויף אים דורך אַלע טעג פון דער וואָך און דורכדעם וועט ער זאָגן עדות אויף זיין אמונה אין הימל. ר׳ שמעון זאָגט: ווער עס עסט גאַנצע דריי סעודות אום שבת — קומט אַרונטער אַ בת־קול און רופט אויס וועגן אים: „דעמאָלט וועסטו זיך קוויקן מיט גאָט״, (ישעיה נ״ח, י״ד) אַ רמז אויף דער ערשטער סעודה, וואָס איז כנגד דעם עתיק־ימים, דעם הייליקסטן פון אַלע הייליקע; „און איך וועל דיך אַרויפ־זעצן אויף די הייכן פון דער ערד״ — איז אַ רמז אויף דער צווייטער סעודה, וואָס איז כנגד הייליקן עפּלפעלד און „דיך מאַכן עסן די נחלה פון דיין פאָטער יעקב״ — איז אַ רמז אויף דער שלימות פון משיח׳ן. און דערפאַר דאַרף דער מענטש משלים זיין זיין סעודה און זיך קוויקן מיט אַלע זיינע סעודות און זיך פרייען מיט יעדער איינציקער פון זיי, ווייל דאָס איז די שלימות׳דיקע אמונה. און דעריבער איז דער שבת מער אין כבוד פון אַלע אַנדערע שמחות און יום־טובים, ווייל אַלץ איז אין אים איינגעשלאָסן, וואָס אַזוינס איז ניטאָ אין די אַנדערע פייערטעג און יום־טובים. האָט געזאָגט ר׳ חייא: און צוליב דעם, וואָס אַלץ איז איינגעשלאָסן און פאַראַן אין שבת, ווערט

ער דריי מאָל דערמאָנט; ווייל ס׳ווערט געזאָגט: „און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג״. ווען ר׳ אבא פלעגט זיצן און עסן די שבת׳דיקע סעודות, האָט ער זיך געפרייט מיט יעדער איינציקער פון זיי און געזאָגט: „דאָס איז די הייליקע סעודה פון עתיק־ימים, וואָס איז פון אַלעמען פאַרהוילן.״ ביי דער צווייטער סעודה פלעגט ער זאָגן: „דאָס איז די סעודה פון הקדוש־ברוך־הוא״; און אַזוי פלעגט ער זיך נוהג זיין ביי יעדער איינציקער סעודה און זיך געפרייט מיט יעדער איינער. און ווען ער האָט געענדיקט עסן, פלעגט ער זאָגן: „פאַרענדיקט די סעודה פון אמונה״. ווען ר׳ שמעון פלעגט קומען זיך זעצן עסן, פלעגט ער אַזוי זאָגן: „גרייט צו די סעודה פון אויבערשטער אמונה, גרייט צו די סעודה פאַרן מלך״. און ער פלעגט זיצן און זיך פרייען. ווען ער פלעגט ענדיקן די דריטע סעודה, פלעגט מען אויף אים אויסרופן: „דעמאָלט וועסטו זיך קוויקן מיט גאָט און איך וועל דיך אַרויפזעצן אויף די הייכן פון דער ערד און וועל דיך מאַכן עסן די נחלה פון דיין פאָטער יעקב״. האָט ר׳ אלעזר געזאָגט צו זיין פאָטער: „וואָס איז דער סדר פון די דאָזיקע סעודות?״ האָט ער אים געענטפערט: אויף דער נאַכט פון שבת שטייט געשריבן „און איך וועל דיך אַרויפזעצן אויף די הייכן פון דער ערד״, אין דער דאָזיקער נאַכט ווערט די שכינה געבענטשט און דאָס גאַנצע עפּלפעלד, און ס׳ווערט געבענטשט דעם מענטשנס טיש און ס׳ווערט אים צוגעגעבן אַ נשמה; און די דאָזיקע נאַכט איז אַ נאַכט פון שמחה פאַר דער שכינה און אַ מענטש דאַרף זיין אין פרייד און עסן די סעודה לכבוד דער שכינה. אויף דער צווייטער סעודה פון שבת׳דיקן טאָג שטייט געשריבן: דעמאָלט וועסטו זיך קוויקן מיט גאָט״. „מיט גאָט״ — אַוודאי, ווייל אין יענער שעה אַנטפּלעקט זיך דער הייליקער עתיק־ימים, און אַלע וועלטן זיינען פול מיט שמחה און מיט שלימות און מיר זיינען טועם די שמחה פון עתיק־ימים, און יענע סעודה איז דאָך אַוודאי אינגאַנצן זיינע. אויף דער דריטער סעודה פון שבת שטייט אַזוי געשריבן: „און איך וועל דיך מאַכן עסן די נחלה פון דיין פאָטער יעקב״ — דאָס איז די סעודה פון משיח, וואָס רוט אין שלימות, און אַלע זעקס טעג ווערן געבענטשט פון דער דאָזיקער שלימות. און אַ מענטש דאַרף זיך פרייען מיט דער סעודה און משלים זיין די דאָזיקע סעודות, ווייל זיי זיינען די סעודות פון אמונה־שלימה פון דעם הייליקן זאָמען פון ישראל, ווייל די דאָזיקע אויבערשטע אמונה איז דאָך זייערע, און ניט פון די פעלקער וואָס דינען צו דער עבודה־זרה. און מחמת דעם שטייט געזאָגט: „צווישן מיר און צווישן די קינדער פון ישראל״. קום און זע: דורך די דאָזיקע סעודות ווערן אידן דערקענט, אַז זיי זיינען בני־מלכים, מענטשן פון קיניגלעכן היכל, קינדער פון אמונה. און אויב ער פאַרפעלט איינע פון די דאָזיקע סעודות — מאַכט ער אַ פּגימה אין הימל און זאָגט אויף זיך אַליין עדות, אַז ער איז ניט פון די קינדער פון אויבערשטן מלך, אַז ער קומט ניט פון מלכ׳ס היכל,

אַז ער איז ניט פון הייליקן זאָמען פון ישראל, און דעריבער וואַרפט מען אויף אים די דריי שטראָפן, וואָס זיינען האַרבער פון דין פון גיהנום. (פייער, שניי און טויטלעכע פינצטערניש) און קום און זע: אין אַלע אַנדערע יום־טובים איז אַ מענטש מחויב זיך צו פרייען און דערפרייען אָרעמעלייט, און ווען ער איז נאָר זיך אַליין משמח און גיט ניט צום אָרעמאַן, איז זיין עונש גרויס, וואָס ער אַליין פרייט זיך און גיט ניט קיין שמחה צום אַנדערן. אויף אים זאָגט דער פסוק: „און איך וועל צעשיטן מיסט אויף אייערע פּנים׳ער, דעם מיסט פון אייערע יום־טוב קרבנות״. (מלאכי ב׳, ג׳) און שבת, ווען ער פרייט זיך, אַפילו ווען ער גיט דעם צווייטן ניט, וואַרפט מען אויף אים קיין שטראָף ניט, ווי אין די אַנדערע יום־טובים, ווייל ס׳שטייט געשריבן: „דער מיסט פון אייערע יום־טובים״, „אייערע ראש־חודש׳ן און אייערע יום־טובים״. און ווידער שטייט געשריבן: „אייערע ראש־חודש׳ן און אייערע יום־טובים האָט פיינט מיין זעל״ (ישעיה א׳, י״ד) און שבת שטייט דאָס ניט געזאָגט. און דערפאַר וואָס די גאַנצע אמונה איז אַריינגעלייגט אין שבת, גיט מען דעם מענטשן אַן אַנדער נשמה, אַ העכערע נשמה, וואָס די גאַנצע שלימות איז אין איר פאַרוויקלט, ווי אַ דוגמה פון עולם הבא. און דעריבער ווערט עס אָנגערופן שבת. וואָס איז שבת? דער נאָמען פון גאָט־ברוך־הוא, אַ נאָמען וואָס איז די קרוין פון שלימות פון אַלע צדדים. האָט געזאָגט ר׳ יוסי: אַוודאי איז דאָס אַזוי: ווויי איז צו דעם מענטשן, וואָס האָט ניט משלים געווען די שמחה פון הייליקן מלך! און וואָס איז די שמחה זיינע? דאָס זיינען די דריי סעודות פון אמונה, די סעודות וואָס אברהם, יצחק און יעקב זיינען ביי זיי פאַראַנען, און אַלע זיינען זיי שמחה איבער שמחה, די אמונה שלמה פון אַלע אירע צדדים. מיר האָבן געלערנט: אין יענעם טאָג באַקרוינען זיך די אָבות און אַלע זייערע קינדער זויגן פון זייער קוואַל, וואָס ס׳איז ניט אַזוי דורך אַלע אַנדערע יום־טובים. אין יענעם טאָג רוען אַלע רשעים אין גיהנום; אין יענעם טאָג ווערן אָפּגעשטופּט אַלע דינים און זיינען ניטאָ אויף דער וועלט; אין דעם טאָג באַקרוינט זיך די תורה מיט די פּראַכטיקסטע שלימות׳דיקע קרוינען; אין דעם טאָג לאָזט זיך הערן אַ קול פון שמחה און יובל איבער די צוויי הונדערט און פופציק וועלטן. קום זע: אין אַלע זעקס טעג פון דער וואָך, וויבאַלד נאָר ס׳קומט אָן די שעה פון מנחה־דאַווענען, הערשט דער האַרבער דין און ס׳דערוועקט זיך דער משפט, אָבער אין טאָג פון שבת, ווי נאָר ס׳קומט די שעה פון מנחה, הערשט דער ווילן וואָס איז דער העכסטער פון אַלע ווילנס, און דער הייליקער עתיק־ימים אַנטפּלעקט זיין רצון, און אַלע דינים ווערן אָפּגעשטופּט און גוטסקייט און שמחה געוועלטיקן איבער אַלץ. און מיט דעם דאָזיקן רצון איז משה דער טרייער און הייליקער נביא נסתלק געוואָרן פון דער וועלט, דערמיט צו לאָזן וויסן, אַז ער איז ניט נסתלק געוואָרן דורך דער מידת־הדין. און אין יענער שעה איז זיין נשמה

אַרויס מיטן רצון פון הייליקן עתיק־ימים און באַהאַלטן געוואָרן. און דעריבער שטייט וועגן אים געשריבן: „און קיין מענטש וויס ניט זיין קבר״. (דברים ל״ד, ו׳) אַזוי ווי דער הייליקער עתיק־ימים איז פאַרהוילן פון אַלע פאַרהוילענע און די אויבערשטע און די אונטערשטע ווייסן ניט פון אים, אַזוי איז דאָס אייגענע אויך מיט דער נשמה, וואָס איז באַהאַלטן געוואָרן דורך דעם רצון, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין דער שעה פון שבת׳דיקער מנחה, שטייט וועגן איר געשריבן: „און קיין מענטש וויס ניט פון זיין קבר.״ און ער איז פאַרהוילן פון אַלע פאַרהוילנסטע אין דער וועלט און דער דין האָט אויף אים ניט געהאַט קיין שליטה. וואויל איז משה׳ס חלק! וואויל איז אייער חלק, אידן הייליקע, אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, וואָס דער שבת איז אייער ירושה און געהערט נאָר אייך אַליין פון אַלע פעלקער, וואָס דינען צו די שטערן און מזלות! און אויף דעם שטייט געשריבן: „צווישן מיר און צווישן די קינדער פון ישראל״. און מחמת דעם, איז דער שבת וויכטיק ווי די גאַנצע תורה, און דער וואָס היט אָפּ שבת, איז גליך ווי ער וואָלט אָפּגעהיט די גאַנצע תורה.

ד. מיר האָבן געלערנט: אין דעם טאָג וואָס די תורה טוט זיך מיט אים קרוינען, צירט זי זיך אויס מיט אַלע אירע צירונגען, מיט אַלע אירע באַפעלן, מיט אַלע אירע געבאָטן און שטראָף־אזהרות, מיט די זיבעציק צווייגן פון שטראַלונג, וואָס שיינען פון יעדער זייט. ווער קען דאָס זען די אָפּצווייגן, וואָס קומען אַרויס פון יעדן איינציקן צווייג. פינף (צווייגן) קומען אַרויס פון בוים און אַלע צווייגן ווערן אין זיי פאַראייניקט. ווער קען זען די טויערן, וואָס זיינען צעעפנט אויף יעדער זייט, און וואָס אַלע לויכטן און שיינען אין שטראַמענדיקן אומאויפהערלעכן ליכט? אַ קול פון אויסרוף ווערט געהערט איבער דער וועלט: דערוואַכט, הייליקע פון דער וועלט, דערוואַך, דו הייליק פאָלק, אויסדערוויילטס פון הימל און פון ערד, דערוואַכט מיט שמחה אַנטקעגן אייער האַר! דערוואַכט מיט אַ שמחה שלימה, זייט גרייט פאַר די דריי שמחות פון די דריי אָבות, זייט גרייט פאַר דער אמונה, וואָס איז די שמחה פון אַלע שמחות! וואויל איז אייער חלק, אידן הייליקע, אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, דאָס איז די ירושה אייערע, וואָס איז אויסגעטיילט צו אייך פון אַלע אומות, וואָס דינען צו דער עבודה־זרה, און אויף דעם זאָגט דער פסוק: „צווישן מיר און צווישן די קינדער פון ישראל״. האָט געזאָגט ר׳ יהודה: געוויס איז דאָס אַזוי, און אויף דעם זאָגט דער פסוק: „זאָלסט געדענקען דעם טאָג פון שבת, אים צו האַלטן הייליק״ (שמות כ׳ ח׳), ווידער שטייט: „הייליק זאָלט איר זיין, וואָרום איך, גאָט, בין הייליק״ (ויקרא י״ט, ב׳) און נאָך שטייט: „און זאָלסט רופן שבת אַ תענוג, דעם הייליקן טאָג פון גאָט, געערלעכט״. (ישעיה נ״ח, י״ג) מיר האָבן געלערנט: אין דעם טאָג צערטלען זיך די נשמות פון אַלע צדיקים

אין די צערטלעכקייטן פון הייליקן עתיק־ימים, וואָס איז פאַרהוילן פון אַלע פאַרהוילנסטע, און אַ שמחה גייט אַרויס פון די צערטלעכקייטן פון עתיק־ימים און שפּרייט זיך אויס איבער אַלע וועלטן און גייט אויף און לאָזט זיך אַרונטער איבער אַלע קינדער פון די קדושים, אויף אַלע וואָס היטן אָפּ די תורה, און זיי רוען אין אַ מנוחה־שלימה און פאַרגעסן אָן אַלע זייערע ערגערנישן, אָן אַלע צרות און אַלע שווערע אַרבעטן. דאָס איז וואָס דער פּסוק מיינט: „אין דעם טאָג וואָס גאָט באַרוט דיך, פון דיין פּיין און פון דיין ציטערניש און פון דיין שווערער אַרבעט. (ישעיה י״ד, ג׳) און דעריבער איז שבת וויכטיק, ווי די גאַנצע תורה, און דער וואָס היט אָפּ שבת איז גלייך ווי ער וואָלט אָפּגעהיט די גאַנצע תורה. ווי ס׳שטייט געשריבן: „וואויל צו דעם מאַן וואָס טוט דאָס דאָזיקע, און צו דעם מענטשנקינד וואָס האַלט זיך אָן דעם. וואָס היט שבת, אים ניט צו פאַרשוועכן און היט זיין האַנט פון צו טאָן עפּעס שלעכטס.״ (ישעיה נ״ו, ב׳) פונדאַנען איז געדרונגען, אַז דער וואָס היט שבת, איז ווי ער וואָלט אָפּגעהיט די גאַנצע תורה.

(שמות, פרשה יתרו)

ה. ערב שבת, ווען עס קומט אַרויס דער ערשטער שטערן, פלעגט דער אַלטער רב המנונא זיצן אַ רגע, אויפהייבן די אויגן און זיך פרייען און זאָגן, אַז ער זיצט און קוקט זיך צו צו דער שמחה פון די מלאכים אין הימל, די גייען אַרויף און די קומען אַרונטער. און אין יעדן ערב־שבת רוט דער מענטש אין דער וועלט פון נשמות. וואויל איז דעם מענטשן, וואָס באַנעמט די סודות פון זיין האַר. ווען עס ליכטיקט אויף דער טאָג שבת, גייען אויף ניצוצות פון שמחה אין אַלע וועלטן, אין רו און אין פריידן, און דעמאָלט: „די הימלען דערציילן דעם כבוד פון גאָט און די ווערק פון זיינע הענט זאָגט דער הימל אָן.״ (תהלים י״ט, ב׳) אָט די הימלען, וועלכע הימלען? וואָס גאָטס נאָמען זעט זיך אָן אויף זיי, וואָס דער הייליקער נאָמען איז פאַרצייכנט אויף זיי. „דערציילן״ — וואָס הייסט, דערציילן? אפשר וועסטו מיינען, ווי אַ מענטש וואָס דערציילט סתם אַ מעשה? איז דאָס ניט אַזוי. נאָר זיי לויכטן און פינקלען מיט ניצוצות פון אויבערשטן ליכט.

ו. יעדן ערב־שבת, ווען דער טאָג ווערט געהייליקט, ווערן געהערט אויסרופן אין אַלע מדורות פון גיהנום: הערט אויף משפּט׳ן די רשעים, ווייל ס׳איז געקומען דער הייליקער מלך און דער טאָג איז געהייליקט און ער איז מגין אויף זיי אַלע. און באַלד הערן אויף די משפּטים און רו ווערט געגעבן צו די רשעים. און אפילו גויים, וואָס זיינען ניט באַפוילן געוואָרן צו היטן שבת און יום־טובים — היטן דאָרט שבת איבערגעוואָלט. אָבער דאָס פייער פון גיהנום גייט קיינמאָל ניט אויס פאַר יענע, וואָס האָבן קיינמאָל שבת ניט אָפּגעהיט. און אַלע רשעים פון גיהנום פרעגן וועגן זיי: וואָס זיינען די אַנדערש

פון אַלע אַנדערע רשעים דאָ, וואָס זיי האָבן קיין מנוחה ניט? און די מלאכי־חבלה ענטפערן זיי: די דאָזיקע רשעים האָבן געלייקנט אין גאָט־ברוך־הוא און עובר געווען אויף דער גאַנצער תורה, ווייל זיי האָבן אין יענער וועלט ניט אָפּגעהיט שבת, דעריבער האָבן זיי קיינמאָל קיין מנוחה ניט.

ר׳ יוסי זאָגט: אַוודאי איז דאָס אַזוי, ווייל שבת איז וויכטיק ווי די גאַנצע תורה און די תורה איז פייער, און דערפאַר, וואָס זיי האָבן עובר געווען אויפן פייער פון דער תורה, ברענט אין זיי דאָס פייער פון גיהנום און הערט אין זיי קיינמאָל ניט אויף.

ז. יעדן ערב־שבת, ווי נאָר אידן פאַרהייליקן דעם שבת אויף דער ערד, גייט אַרויס אַ בת־קול און רופט אויס אין אַלע פיר עקן פון דער וועלט: „פאַרזאַמלט זיך, מחנות קדושים, גרייט צו די הייליקע שטולן!" ווער קען באַנעמען די שמחה אין די דריי הונדערט און ניינציק הימלען און וויפל ממונים און וויפל הערשער עס נעמען זיך צונויף אין זייערע ערטער? ווי נאָר אידן פאַרהייליקן שבת אויף דער ערד, דערוועקט זיך באַלד דער עץ־החיים און קלאַפּט מיט זיינע בלעטער, און אַ ווינט בלאָזט פון עולם־הבא און די צווייגן פון בוים וויגן זיך און ריחות פון עולם־הבא קומען אויף און שפרייטן זיך...

ח. ביי שבת שטייט געשריבן „לדרתם" — פאַרוואָס? באַלד ווי דער טאָג ווערט פאַרהייליקט דאַרף אַ אידישע דירה האָבן געצונדענע ליכט, און געגרייטן טיש און די דירה דאַרף זיין צוגעגרייט, ווי אַ דירה פון אַ חתן אויפצונעמען זיין כלה. און איז דען ניט שבת די כלה פון דער וועלט? מען ברענגט זי ניט אַריין, סיידן אין אַ דירה וואָס איז צוגעגרייט פאַר איר כבוד וועגן און אויף דעם שטייט געשריבן „צו מאַכן דעם שבת." אַריינצו־ברענגען די הייליקע כלה אין זייער דירה ווען דער טאָג איז געהייליקט. און אויב די דאָזיקע כלה קומט און געפינט ניט קיין אויפגעראַמטע דירה, מיט אַ געגרייטן טיש און געצונדענע ליכט, זאָגט די דאָזיקע כלה: דאָס איז ניט קיין אידישע דירה. „צווישן מיר און צווישן די קינדער פון ישראל" שטייט געשריבן, דאָס איז ניט פון קיין אידן, ס׳איז ניט קיין דירה פאַר קדושה, און דעריבער דאַרף אַ אידישע דירה האָבן קדושה און דערפאַר שטייט ביי שבת געשריבן: „לדרתם."

## פון „ספר־התגין"

### דער סמבטיון

דער טייך סמבטיון רוט אום שבת. דורך אַלע טעג פון דער וואָך שלאָגט זיין קוואַל און וואַרפט אַרויס פון זיך מיט גבורה גרויסע שטיינער און שבת רוט זיין קוואַל און שטיינער קומען ניט אַרויס פון טייך. און פאַראַן

אַ ברעג, וואָס מען ציט אַרויס זילבער פון זיין שטויב, און שבת געפינט מען אין זיין שטויב ניט קיין זילבער, און פאַראַן אַ פיש וואָס רוט שבת אויפן ברעג פון ים ביז שבת־צו־נאַכט, און דער נאָמען פון פיש איז שבתי, ווייל ער רוט אום שבת.

# פון „מדרש־כונן"

## משיח און די אבות פון דער וועלט

יעדן שבת און יום־טוב קומען די אָבות פון דער וועלט און משה און אהרן און דוד און שלמה און אַלע מלכים פון דודס הויז און די נביאים און צדיקים און זיינען משיח'ן מקבל פנים און ווײנען מיט אים און ער ווײנט מיט זיי און זיי טרייסטן אים און זאָגן: פאַרלייד דעם דין פון דיין האַר, ווייל דער קץ איז נאָענט צו קומען.

# ר' יוסף גיקטיליה

(פון די מגורשים פון שפּאַניע, רנ"ב)

### 1.

## שבת איז דער טויער פון עולם־הבא

ווייס און גלויב, אַז שבת איז דער סוד פון דער גאַנצער אמונה און פון דער גאַנצער תורה. דאָס איז דער סוד פון דער נייקייט פון דער וועלט און קיום פון דער נאַטור און דאָס איז דער טויער דורך וועלכן דער מענטש גייט דורך צו זיין צוקונפטיקן לעבן, וואָס ווערט אַנגערופן שבת; און אויב אַ מענטש האָט ניט געהאַלטן שבת אויף דער וועלט, האָט ער קיין טויער ניט דורך וועלכן אַריינצוקומען אין דער צוקונפטיקער וועלט. ווייל שבת און עולם־הבא ווערן ביידע אָנגערופן מיטן נאָמען שבת, און דאָס איז וואָס ס'שטייט געשריבן: „מיינע שבתים זאָלט איר היטן." (ויקרא כ"ו, ב') און דאָס איז וואָס אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט: אַלע מצוות זיינען געגעבן געוואָרן פּאָר אַלעמען אין די אויגן, אויסער שבת, וואָס איז געגעבן געוואָרן באַהאַל־טענערהייט, ווי ס'איז געזאָגט: „דאָס איז אַ צייכן צווישן מיר און צווישן אייך." (שמות ל"א, י"ג) זיין באַלוינונג איז ניט צו אַנטפּלעקן, ווייל די באַלוי־נונג איז עולם־הבא. און אַזוי האָבן געזאָגט די חכמים: מזמור שיר ליום השבת — צו אַ טאָג וואָס איז דורכאויס שבת. און פאַרוואָס ווערט זיין נאָמען אָנגע־רופן שבת? ווייל אַזוי ווי דער מענטש מיט זיך דורך די טעג פון וואָך און גייט אום ליידיק אום שבת, עסט און טרינקט און דאַוונט און טוט ניט קיין

שום אַנדער אַרבעט, אַזוי איז אויף דער וועלט — אַ מענטש טוט תורה און מצוות און טוט זיך אין זיי מיען, וועט ער דערפאַר קיין שום טרחה ניט האָבן ווען ער גייט אַרויס פון דער וועלט, נאָר ער וועט געניסן אין דער קומענ־דיקער וועלט דעם שכר פון די מצוות, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט אויף דער וועלט.

### .2

## אויסברייטערן די גרענעץ פון הייליקייט

מ׳דאַרף מקבל־שבת זיין, ווען ס׳איז נאָך טאָג, ווייל דער שבת איז הייליק, און אַרום אים זיינען די חילות פון דער וואָך, דעריבער זאָל דער מענטש ניט מקצר זיין דעם גבול פון הייליקייט און זאָל ניט אַריינברענגען קיין טומאה אין היכל, מ׳זאָל אויף אים ניט זאָגן: „פאַרשאָלטן איז דער, וואָס פאַררוקט די גרענעץ פון דעם צווייטן.״ נייערט, ער זאָל אויסברייטערן די גרענעץ פון דער שכינה און ווען ער גיט צו צום שבת ביי זיין אַריינקומען און זיין אַוועקגיין פון וואָך צו דער הייליקייט, קומט אויס, אַז ער פאַרמערט און ברייטערט אויס די גרענעצן פון דער הייליקייט. און צוליב דעם זכות, ווען ער רופט גאָט אין אַ צרה, ברייטערט פאַר אים גאָט אויס די גרענעץ פון הייליקייט און ער פאַרקירצט די גרענעץ פון דער צרה און ער איז זוכה צו אַ נחלה, וואָס האָט ניט קיין גרענעצן, און וועגן דעם שטייט געשריבן: „אַצינד האָט גאָט אונדז געגעבן רחבות״. (בראשית כ״ו, כ״ב).

### .3

## אַ מענטש דאַרף זיך אַליין מטריח זיין לכבוד שבת

אָנצוגרייטן אַלץ פון ערב־שבת אויף שבת, מחמת דער שבת איז כולל אין זיך ניין ליכטיקע אספקלריות, און ווען אַ מענטש איז מקבל־שבת איז ער דער מכניס־אורח פון מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, און דעריבער דאַרף ער אַליין צוגרייטן פאַרן קיניגלעכן כבוד. און דער מענטש וואָס טוט אַזוי גלויבט אַן אמונה־שלימה אין דער הייליקייט פון שבת, און ער גיט אָפּ כבוד דעם השם יתברך און אויף אים שטייט געשריבן: „די וואָס גיבן מיר אָפּ כבוד — וועל איך געבן כבוד״. (שמואל א׳, ב׳, ל׳).

## ר׳ אליהו דע-ווידאש

(אַ תלמיד פון ר׳ משה קאָרדאָווערא)

# פון „ראשית־חכמה״

שבת איז דער שורש פון אַלע הייליקייטן. די תורה האָט אָנגעזאָגט: „הייליק זאָלט איר זיין, ווייל איך בין הייליק״. אַז מיר זאָלן זיך הייליקן און אַרויפציען אויף זיך דורך יעדן טאָג און טאָג פון ליכט פון שבת. דורך די זעקס טעג פון וואָך דאַרף דער מענטש געדענקען די קדושה פון שבת, אויס־בעסערן זיינע מעשים, כדי ער זאָל קענען אויפנעמען די הויכע נשמה, וואָס קומט אַרונטער מיטן שבת.

שבת איז אַ דוגמא פון עולם־הבא, ווי די חכמים האָבן געזאָגט: ווער עס מיט זיך פון ערב־שבת וועט עסן שבת. און אַזוי דאַרף דער מענטש, נאָכדעם ווי ער האָט זיך צוגעגרייט מיט עסן און מיט טרינקען לכבוד שבת, זיך אַליין פרעגן: און וואָס האָב איך צוגעגרייט פאַר דער וועלט וואָס איז דורכאויס שבת? און דעריבער דאַרף מען אָפּגעבן אַ מקצת פון זעקסטן טאָג, צו זיין מיט זיך אַליין און זיך איבערטראַכטן, וואָס מ׳האָט אָפּגעטאָן דורך די זעקס טעג, כדי צו טאָן תשובה.

## ר׳ יוסף קאַרו

# פון „מגיד מישרים״

דער סוד פון עונג־שבת דורך עסן און טרינקען, איז, ווייל דער מלאך וואָס איז ממונה איבערן עסן פון שבת׳דיקן טאָג איז הייליק, און דער ממונה אין אַ וואָכעדיקן טאָג — איז וואָכעדיק, און ווען אַ מענטש האָט עונג־שבת דורך עסן און טרינקען, ווערט ער נתעלה דורכן הייליקן מלאך.

און דו זאָלסט זיך זייער און זייער היטן, אָפּצוגעבן כבוד דעם שבת מיט אַלע דיינע כוחות, מיט כל־המיני תענוגים וואָס דו קענסט און זאָלסט קיינמאָל ניט מבטל זיין די דריטע סעודה, און זאָלסט זי זייער אָפּהיטן, און דיין כוונה מיטן עסן און טרינקען זאָל זיין אויפצוהאַלטן דעם מענטשלעכן מין.

# אַמאָליקע מנהגים פון שבת אין ארץ־ישראל

### א

אַ סך בעלי־תורה און גאָטספאָרכטיקע מענטשן זיינען זיך טובל ערב־שבת, אָפּצושיידן צווישן הייליקייט און צווישן וואָך, טוען זיך אָן אין ווייסן דעם גאַנצן טאָג שבת. דורך אַלע דריי סעודות זינגען זיי און לויבן און זאָגן זמירות.

(ר׳ אברהם הלוי פון צפת)

ב

איטלעכן ערב־שבת גייט מען אַרויס אין פעלד אָדער אין פּאָליש פון שול, אַלע אָנגעטאָן אין בגדי־שבת און מ׳זאָגט דעם מזמור „הבו לה׳ בני אלים" (תהלים כ״ט, א׳) און אַ שבת׳דיקן פּזמון און נאָכדעם „מזמור שיר ליום השבת" (תהלים, צ״ב).

אַנדערע זיינען זיך נוהג מקבל־שבת צו זיין נאָך מנחה, אָנגעטאָן אין בגדי־שבת, מ׳לייענט שיר־השירים און נאָכדעם דעם פּיוט פון קבלת־שבת „בואי כלה". אין דער נאַכט פון שבת לייענט מען אַכט פּרקים פון מסכתא שבת, אינדערפרי — אַכט און ביי מנחה — אַכט, ווייל צוליב דעם האָט רבנו הקדוש מכוון געווען, מסדר צו זיין כ״ד פּרקים אין דער מסכתא שבת אַנטקעגן די כ״ד באַצירונגען פון דער כלה.

(ר׳ אברהם גאַלאַנטי פון צפת)

## די מנהגים פון אר״י הקדוש און זיינע תלמידים

א

דער אר״י ז״ל פלעגט זיך נוהג זיין מקבל־שבת צו זיין אַמאָל אין פעלד, אַמאָל ביי זיך אין הויז. אין הויז פלעגט ער גיין הקפות אַרום טיש און זאָגן „מזמור שיר ליום השבת" מיטן פּיוט פון „לכה־דודי", און זיין טעם דערפאַר איז געווען, אַז דער טיש איז אין דער בחינה פון מזבח, און דערפאַר גייט ער אַרום אים הקפות, און אַזוי דאַרף מען טאָן לויט דער חכמת־הקבלה. און אַזאַ מנהג האָט געהערשט אויך אין דער קהילה בית־אל פון ירושלים, וואו מ׳דאַוונט אין נוסח פון אר״י הקדוש, און ווען מ׳זאָגט „מזמור לדוד" גייט מען הקפות אַרום בימה מיט גרויס כוונה און אַלע זיינען אָנגעטאָן אין ווייסן, איינגעוויקלט אין זייערע טליתים און זעען ממש אויס ווי די מלאכי־השרת.

(ווערט געבראַכט אין „כתר־שם־טוב", פון ר׳ שם־טוב גאַנין)

ב

איינמאָל פרייטיק פאַר נאַכט, נאָענט פאַרן אָנקומען פון דער כלה, איז דער אר״י אַרויס מיט זיינע תלמידים אויסערן שטאָט צפת, אָנגעטאָן אין פיר ווייסע בגדים: הילראָק, זשופּיצע און העמד־און־הויזן — כדי מקבל־שבת צו זיין. ער האָט אָנגעהויבן מיטן מזמור „הבו לה׳ בני אלים", מיט „לכה־דודי" און „מזמור שיר ליום השבת" און „אדוני מלך" מיט אַ שיינעם ניגון. און אַזוי זינגענדיק האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זיינע תלמידים: „חברים מיינע, איר ווילט גיין קיין ירושלים נאָך איידער עס ווערט שבת און מיר וועלן

מאַכן שבת אין ירושלים?" און ירושלים איז איבער פינף־און־צוואַנציק מײַלן ווײַט פון צפת. אַ טייל פון די תלמידים האָבן געענטפערט: מיר זײַנען גרייט צו גיין. און אַ טייל פון די תלמידים האָבן געענטפערט און געזאָגט: לאָמיר קודם גיין און אָנזאָגן די ווײַבער. נאָר ווײַבאַלד זיי האָבן געזאָגט "לאָמיר קודם גיין אַהיים" — איז דער רבי אויפגעציטערט געוואָרן אַ גרויס ציטער־ניש, געפּאַטשט מיט די הענט און געזאָגט: ווי איז צו אונדז, וואָס מיר האָבן ניט געהאַט דעם זכות אויסגעלייזט צו ווערן! מחמת, ווען איר וואָלט אַלע געענטפערט מיט איין קול, אַז איר ווילט תיכף גיין מיט שמחה, וואָלטן אַלע אידן אויסגעלייזט געוואָרן, ווײַל איצט איז געווען די גינסטיקע שעה דער־לייזט צו ווערן, און מחמת איר האָט דאָס ניט געוואָלט — האָט דער גלות צוליב אונדזערע גרויסע זינד מנצח געווען.

ג

האָט מיר געזאָגט מײַן רבי זכרונו לברכה, אַז ער האָט בקבלה פון אַ גרויסן תלמיד־חכם, וואָס האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט בקבלה פון זײַנע רבּיים, אַז דער וואָס קומט צו קבורה ערב־שבת נאָך דער פינפטער שעה פון פרימאָרגן, קומט ניט אָפּ קיין חיבוט־הקבר, מחמת פון דער פינפטער שעה אָן הייבט זיך אָן די הוספה פון דער שבת׳דיקער קדושה. און ער האָט מיר געזאָגט: אַז דאָ ליגט דער סוד פון איבעריקן ה׳ אין "יום הששי", מרמז צו זײַן, אַז אין ה׳ שעה פון זעקסטן טאָג שטייט באַלד דערנאָך "ויכולו השמים והארץ", ס׳ווערט באַלד פאַררעכנט, ווי ס׳וואָלט געווען שוין שבת. און מײַן רבי ז"ל האָט צוגעשטימט און מסכים געווען אויף זײַנע רייד.

(ר׳ חיים וויטאַל)

# פון "שני לוחות הברית"

## 1.

## שבת די מלכה און שבת די כלה

ר׳ חנינא האָט געזאָגט: קומט, לאָמיר גיין אַנטקעגן דער כלה דער מלכה און אַנדערע האָבן געזאָגט: אַנטקעגן שבת דער כלה דער מלכה. ר׳ ינאי פלעגט זיך אײַנוויקלען, זיך אויפשטעלן און זאָגן: קום כלה, קום כלה!

אוודאי איז פאַראַן אַ פאַרבינדונג פון ענינים צווישן די דריי, וואָס ער האָט דערמאָנט. דער ערשטער האָט דערמאָנט דער כלה דער מלכה און דער צווייטער: שבת, כלה און מלכה, און דער דריטער: כלה. דער ערשטער רעדט פון לויפן אַנגרייטן אויף שבת און זאָגט, אַז מ׳באַדאַרף אַרויסגיין אַנטקעגן דער כלה און מלכה. מחמת, שבת ווערט אָנגערופן כלה און ווערט

אַנגערופן מלכה. כלה — ווען זי ווערט געהייליקט, נאָכדעם ווערט זי אַנגע־
רופן מלכה, ווייל זי פאַראייניקט זיך מיטן אויבערשטן מלך, וואָס דאָס איז
איין טעם פאַרוואָס די חכמים האָבן מתקן געווען דריי תפילות פאַר שבת,
וואָס זיינען פאַרשיידן איינע פון די אַנדערע: „אתה קדשת", „ישמח משה" און
„אתה אחד". מחמת דעם, וואָס שבת ווערט אַנגערופן כלה, האָבן זיי מתקן
געווען „אתה קדשת" אויף דעם שטייגער פון קדושין, וואָס מען גיט דער
כלה, און נאָכדעם „ישמח משה", צוליב דער שמחה פון חתן מיט זיין כלה;
און נאָכדעם מוסף, מחמת דעם צוגאָב וואָס דער חתן דערגיט צו דער כלה׳ס
כתובה. און נאָכדעם „אתה אחד" מחמת דעם, וואָס דער חתן מיט דער כלה
זיינען זיך מיחד. איז דערפאַר דאַרף מען ערב־שבת אָנגרייטן אַ סעודה
לכבוד דעם טאָג און לכבוד דער נאַכט, ווי מיר וואָלטן זאָגן, פאַר דער סעודה
פון קנס־מאָל און דער סעודה פון דער חתונה... דערצו גייט דער דרך פון
זיך גרייטן צו דער סעודה, און דאָס איז וואָס מען מיינט מיטן גיין אַנטקעגן
„שבת דער מלכה" און דאָס צוליגן צום שבת באַוויזט אויף דער הוספה
פון וועלכער כ׳האָב געשריבן. און נאָכדעם, דער שטייגער ווען די צייט
קומט פון דער כלה׳ס אָנקומען, דעמאָלט טוט זי אויס די קליידער אין וועלכע
זי האָט געקאָכט אין קיך, און וויקלט זיך איין אין אַ טייערן מלבוש. און דאָס
איז וואָס מ׳וויקלט זיך איין און מ׳זאָגט: "קום כלה, קום כלה!"

.2

## דאָס גרייטן זיך צו דער קדושה פון שבת

ס׳איז אַ מידה פון חסידות, זיך צו גרייטן אויף שבת און פון האַלבן
טאָג אָן זיך צו פאַרנעמען בלויז מיט דער קדושה פון שבת: היינו, מיט
געדאַנקען פון תשובה, מיט אויסבעסערן די מעשים, און מיט לימוד־התורה.
און אַזוי זאָלן אויך טאָן אַלע בני־בית ביז דער שעה פון ליכט־צינדן. און
דער סימן דערפאַר דאַרף זיין: „זאָלסט ניט טאָן קיין שום אַרבעט", ווייל אי־ן
דער התחלה פון דער הייליקייט, פון האַלבן טאָג אָן און ווייטער און מיטן
צוגעבן צייט שבת־צו־נאַכט, זיינען פאַראַן איין־און־דרייסיק שעה, און דער
סימן דערפאַר איז: „אַלע מלכים — איין און דרייסיק". (יהושע י"ב, כ"ד)
און נאָך אַ סימן „חסד „אל" כל היום" (תהלים נ"ב, ג׳) ווייל דער טאָג פון
שבת דאַרף זיין אין חן און חסד, אין שלום און גרויס ליבשאַפט, ווייל אין דעם
טאָג רוען אפילו די רשעים אין גיהנום, און דערפאַר איז אַ טאָפּלטע עבירה
אַרויסצואווייזן כעס אום שבת. און מ׳האָט שוין פון לאַנג געגעבן אויף דעם
אַ סימן: „איר זאָלט ניט אָנצינדן קיין פייער אין אַלע אייערע וואוינפלעצער
אין טאָג פון שבת". (שמות ל"ה, ג׳) און דאָס איז דאָס פייער פון מחלוקת
און אויפגעברויזטן כעס. און מ׳דאַרף זיך זייער און זייער אָפּהיטן פון דעם

פון האַלבן טאָג אָן פון ערב־שבת, וואָס ס׳מיינט איין־און־דרייסיק שעה, און דאָס הייסט: ״לא תבערו אש...״

## 3.

## שבת איז דער שורש פון אַלע טעג

אַפילו אַ פשוט׳ער מענטש האָט מורא און ציטערט אין טאָג פון שבת מער ווי דורך די אַנדערע טעג פון וואָך און האַלט אים הייליק, היינט ווער רעדט שוין, יענער וועמען גאָט האָט באַשאָנקען מיט וויסן און פאַרשטאַנד, ווער עס פאַרשטייט זיך אויף דער קדושה פון שבת און פון סוד פון דער נשמה יתירה און איז זיך מכין צו דער קדושה, דעמאָלט פאַרבינדן זיך נפש, רוח און נשמה... און כ׳האָב שוין אויבן מאריך געווען וועגן דעם, ווייל שבת איז דער שורש פון אַלע טעג און זיי זיינען די צווייגן פון שבת און דער שבת מיט די אַנדערע טעג פון וואָך זיינען געגליכן צו אַ מנורה, דריי רערן אויף איין זייט און דריי רערן אויף דער צווייטער זייט און אַלע קערן זיך צום מיטלסטן רער, וואָס איז דער גוף פון דער מנורה. אַזוי זיינען די דריי טעג, וואָס פאַרן שבת, ווען דער מענטש הייליקט זיך און גרייט זיך אין זיין נשמה, און די דריי טעג וואָס נאָכן שבת, ווען ס׳בלייבט אין אים דער רושם פון גייסט און נשמה. און נאָכדעם ווידער דאָס אייגענע, דאַרום פאַר־טראַכט ער זיך יעדן טאָג אין זיין קדושה, אין וועלכן ס׳איז פאַראַן עפּעס פון דער קדושה פון שבת.

## 4.

## יעדער טאָג איז געהייליקט מיט דער קדושה פון שבת

דער כלל וואָס קומט דערפון אַרויס, איז, אַז יעדער טאָג איז געהייליקט מיט דער קדושה פון שבת, פאָרוואָר, דער שבת איז כולו קודש, און דאָ איז דער רמז פון ״אַ בראַנדאָפּפער פון שבת אין שבת, אַחוץ דעם שטענדיקן בראַנדאָפּפער און זיין גיסאָפּפער״. (במדבר כ״ח, י׳) ס׳הייסט: תמיד, טאָג אין טאָג, דאַרף דער מענטש זיין ״אַ בראַנדאָפּפער צו גאָט״ און דאַן איז דער בראַנדאָפּפער פון שבת העכער אין מעלה פון דעם שטענדיקן בראַנד־אָפּפער. און ווען דער מענטש מיט שכל טראַכט פון דעם און הייליקט זיך אַ געוויסע צייט דורך יעדן טאָג, און שיידט זיך אָפּ פון די עסקים פון עולם־הזה און באַהעפט זיך אָן בורא יתברך, זיינען זיינע זעקס וואָכעדיקע טעג חולין, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן על טהרת־הקודש, די מסכתא חולין און סדר קדשים... און דאָס איז דער רמז, וואָס איז פאַראַן אין דער הבדלה: ״דער וואָס שיידט פאַנאַנדער צווישן הייליקייט און וואָכיקייט, צווישן פאָלק ישראל און אַנדערע פעלקער״, ער מיינט צו זאָגן, אַז הגם ס׳איז פאַראַן אַן

אונטערשייד צווישן הייליקייט און וואָכיקייט, זאָלסטו ניט מיינען, אַז ס'איז דורך און דורך וואָכיקייט, דער אונטערשייד איז בלויז צווישן פאָלק ישראל און די אַנדערע פעלקער. ביי די אַנדערע פעלקער איז וואָך כולו וואָך, און ביים פאָלק ישראל, איז דאָס חולין, געמאַכט אויף טהרת־הקודש, און אין יעדן איינציקן טאָג איז פאַראַן אַ חלק פון שבת.

## רייד און וואונדער פון ישראל בעל שם-טוב

„און די קינדער פון ישראל זאָלן היטן דעם שבת, צו מאַכן דעם שבת" (שמות ל"א, י"ז). אַ משל צו אַ בן־מלך, וואָס איז געווען געפאַנגען צווישן מינדערווערטיקע מענטשן. איז אים אָנגעקומען אַ בריוו פון זיין פאָטער און ער וויל זיך מיט אים פרייען. וואָס טוט ער? גיט ער די מענטשן טרינקען וויין, און ווייל זיי פרייען זיך מיט דער שמחה פון וויין — פרייט ער זיך מיט זיין פאָטערס שמחה. דאָס איז דער טעם וואָס מ'גיט תענוג דעם חומר לכבוד שבת: מ'דאַרף הנאה געבן דעם חומר, אַז זיין עצבות זאָל ניט פאַר־האַלטן די שמחה פון דבקות מיטן השם יתברך.

אַז ר' ישראל בעל־שם־טוב האָט איינמאָל מקבל־שבת געווען אין פעלד — האָבן די רינדער און שאָף, וואָס האָבן זיך געפיטערט אין פעלד אויפ־געהויבן זייערע פאָדערשטע פיס און געבליבן שטיין אויף די הינטערשטע פיס, אַזוי ווי מענטשן שטייען.

צדיקים האָבן די זאַך געגעבן צו פאַרשטיין: די גרויסע קדושה און ליכטיקייט, וואָס ר' ישראל בעל־שם־טוב האָט געבראַכט אין דער וועלט מיט זיין קבלת־שבת, האָבן אויפגעהויבן אַלץ וואָס האָט זיך געפונען אין פעלד צו זיין ערשטן מקור; און וויבאַלד דאָס ביסל חיות וואָס איז פאַראַן אין די דאָזיקע בעלי־חיים איז נתעלה געוואָרן צו זיין ערשטן מקור, האָבן זיי ממילא זיך אַליין אויפגעהויבן.

## ר' יעקב יוסף הכהן

(תלמיד פון בעש"ט)

## פון „תולדות יעקב יוסף"

### א

ר' שמעון בן יוחאי האָט געזאָגט: ווען אידן וואָלטן אָפּגעהיט צוויי שבתים — וואָלטן זיי באַלד אויסגעלייזט געוואָרן, אַאַז"ו, און גאָר אַ סך פרומע מענטשן האָבן שוין געפרעגט: וואָס עפּעס דווקא צוויי שבתים? און נאָכמער: פריער זאָגט ער, ווען זיי וואָלטן אָפּגעהיט דעם ערשטן שבת, וואָלטן זיי געווען באַפּרייט, מער פון יעדער אַנדער אומה ולשון? און נאָך

איז מכוח דעם ענין פון שבת: דער וואָס גיט אָפּ דעם שבת תענוג — גיט מען אים אַלץ וואָס זיין האַרץ גלוסט. און אַוודאי איז, אַז קיין מענטש שטאַרבט ניט, און זאָל האָבן באַקומען ביים לעבן אַ העלפט פון דעם, וואָס ער האָט באַגערט, אויב ער האָט הונדערט — האָט ער זיך געוואונטשן צוויי הונדערט. און דער תענוג וואָס דער מענטש האָט פון דער מצוה פון שבת — דאָס איז זיין שכר, ווייל ער זוכט קיין אַנדער שכר ניט, מער ווי דעם תענוג פון דער מצוה גופא, הגם ס'איז באמת פאַראַן זייער און זייער אַ גרויסער שכר, אָבער דער חכם אין דער עבודה פון השם יתברך, מאַלט זיך אַ בילד אין זיין געדאַנק, אַז ס'איז ניטאָ קיין שכר פאַר דער דאָזיקער מצוה, ווי בלויז דער תענוג פון דער מצוה פון וועלכער ער האָט הנאה. און וויבאַלד דאָס ווערט פאַררעכנט פאַרן שכר פון שבת'דיקן תענוג, איז דאָס ווי אַ האַלבער באַגער, ווייל ער באַגערט צו נאָך שבת, גיט מען אים אַלץ וואָס זיין האַרץ גלוסט, אַז ער זאָל אָפּהיטן און האָבן תענוג פון אַ צווייטן שבת. הייסט עס, ווען זיי וואָלטן אָפּגעהיט דעם ערשטן שבת, וואָס דער עיקר פון שבת כהלכה איז זיין תענוג, ווי ס'שטייט געשריבן: „און דו זאָלסט רופן שבת אַ תענוג" — וואָלט ער געגלוסט צו נאָך אַ שבת און וואָלט געהאַט אין האַנט צוויי שבתים. איז דערפון געדרונגען, אַז אפילו דעם ערשטן שבת האָבן זיי אויך ניט אָפּגעהיט.

(פרשה ויקהל)

ב

„זעקס טעג זאָלסטו טאָן אַן אַרבעט און אויפן זיבעטן טאָג איז שבת" (שמות ל"ה, ב'), ווייל ס'איז באַקאַנט, וואָס ס'שטייט געשריבן אין זוהר: דער תלמיד־חכם ווערט אָנגערופן „שבת", און דער המון עם ווערט אָנגערופן „ימי־המעשה". און ווי דער מענטש גרייט צו דורך די וואָכעדיקע טעג, אַז ער זאָל האָבן וואָס צו עסן שבת, אַ טאָג ווען מ'טוט קיין אַרבעט ניט, אַזוי זאָלסטו זעקס טעג יאָ טאָן אַרבעט, כדי מפרנס צו זיין דעם תלמיד־חכם, אַז דער זיבעטער טאָג זאָל זיין שבת ביי גאָט. און ס'איז פאַראַן אַ סמיכות און אַ פאַרבינדונג צווישן די טעג פון אַרבעט און צווישן שבת, וואָס איינער אָן די אַנדערע איז ניט מעגלעך, אַזוי ווי דער המון־עם האָט קיין תקנה ניט אָן דעם תלמיד־חכם.

כ'האָב געהערט אין נאָמען פון מגיד ר' מענדל אויף דעם וואָס ס'שטייט געזאָגט, אַז ווען אידן וואָלטן אָפּגעהיט צוויי שבתים וואָלטן זיי באַלד אויסגעלייזט געוואָרן. וואָס עפּעס דווקא צוויי שבתים? האָט ער געגעבן אַ פירוש, אַז דער מענטש פון שלימות דאַרף אָפּהיטן צוויי שבתים, איינעם — אין זאַכן וואָס זיינען נוגע זיין גוף און דעם צווייטן — פאַר זיין נשמה. אַ משל צו אַ מלך, וואָס זיין זון איז געפאַנגען געוואָרן און ס'איז אַריבער אַ לאַנגע־לאַנגע צייט און ער האָט כמעט פאַרלאָרן די האָפענונג אים אויסצולייזן און

אים ברענגען צוריק אַהיים. נאָך לאַנגע טעג און יאָרן איז אים אָנגעקומען אַ בריוו פון זיין פאָטער דעם מלך, אַז ער זאָל זיך ניט מייאש זיין און ניט פאַרגעסן זיינע מלכות׳דיקע מנהגים צווישן די וועלף, ווייל זיין האַנט איז נאָך אַלץ אויסגעשטרעקט אים צו ברענגען צוריק דורך כמה תחבולות, דורך מלחמה, דורך שלום, אאַז״וו. און באַלד האָט זיך דער בן־מלך זייער און זייער געפרייט, נאָר ער האָט זיך געמוזט באַהאַלטן מיט דער מגילה און ער האָט ניט געקענט זיך פרייען בפרהסיא. וואָס האָט ער געטאָן? איז ער געגאַנגען מיט זיינע בני־עיר אין אַ וויינהויז און זיי האָבן זיך געפרייט מיטן ווייַן אַ גשמיות׳דיקע שמחה און ער האָט זיך געפרייט מיטן פאָטערס בריוו. און ממש דאָס אייגענע איז די מצוה פון עונג־שבת פאַרן גוף, דעם חומר, מיט עסן און מיט טרינקען, כדי דער צדיק זאָל האָבן צייט זיך צו פרייען מיט אַ צווייטער שמחה, וואָס איז די שמחה פון דער נשמה מיט איר דבקות אין השם־יתברך. און דאָס איז, וואָס זיי האָבן געמיינט: ווען אידן וואָלטן אָפּגעהיט צוויי שבתים, שבת פאַרן גוף און שבת פאַר דער נשמה — און אַלץ גייט אויף איין שבת, וואָלטן זיי אַוודאי באַלד אויסגעלייזט געוואָרן.

## ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער

(תלמיד פון מעזריטשער מגיד)

### א

שבת איז פון עולם־המחשבה; די זעקס טעג פון וואָך — פון עולם־המעשה, וואָס דאָס וואָרט איז אין אים נתגלה געוואָרן. מ׳קען דאָס מסביר זיין אַזוי: פאַראַן אַ מענטש, וואָס רעדט דיבורים איינע נאָך די אַנדערע, אָן אַן אָפּשטעל; ווידער איז פאַראַן אַ מענטש וואָס לייגט זיך איבער אין געדאַנק וואָס ער האָט צו זאָגן, וואָס פאַר אַ וואָרט אַרויסצוברענגען.

און אַזוי ווי שבת קומט פון עולם־המחשבה, וואָס איז פאַרהוילן און באַהאַלטן אין אין־סוף, אין דער מחשבה פון בורא יתברך, דעריבער קען קיין שום גשמיות׳דיקע זאַך אין אים ניט נתגלה ווערן. דעריבער איז שבת אין מדבר ניט אַרונטערגעפאַלן קיין מן, וואָס איז פון עולם־המעשה, דאָס איז בלויז אַרונטער אינדערוואַכן.

געוויס האָט די מחשבה איר השפעה אויפן וואָרט. און אַלץ וואָס ס׳קומט אין די אַרבעטסטעג איז ניט מער ווי אַ תולדה פון געדאַנק, די השפעה פון שבת אויף די זעקס טעג פון אַרבעט. און אַזוי האָבן זיי געזאָגט: „און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און ער האָט אים געהייליקט״ — ער האָט אים געבענטשט מיט מן און אים געהייליקט מיט מן. די ברכה פון פאַלן פון מן אין די וואָכעדיקע טעג איז געקומען פון שבת׳דיקן טאָג.

און מחמת אינדערוואַכן אַנטפּלעקט זיך דער עולם־המעשה איז דער חלק פון געטלעכקייט ניט אַזוי קענטיק בחוש. אָבער שבת איז אַנדערש, דעמאָלט קערט זיך אַלץ צוריק צו דער העכסטער הויכקייט און מ׳זעט בחוש, אַז אַלץ איז באַהאַפטן מיטן געטלעכן חלק אויבן. „זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן און טאָן גאָר דיין אַרבעט און אויפן זיבעטן טאָג איז שבת ביי דיין גאָט״ (דברים ה׳, י״ג—י״ד).

ב

„און די קינדער פון ישראל זאָלן היטן שבת״ — אין גמרא האָט מען געזאָגט, אַז ווען אידן וואָלטן אָפּגעהיט צוויי שבתים, וואָלטן זיי תיכף אויס־געלייזט געוואָרן, ווייל, ווען אַ מענטש היט אָפּ איין שבת כדת וכדין, האָט ער פון דעם דאַזיקן שבת חיות און שפע פאַר דער גאַנצער וואָך, צו דינען גאָט דורך דער וואָך, און ווען אַ מענטש דינט צו גאָט די גאַנצע וואָך, איז אים אויפן קומענדיקן שבת גרינג אָפּצוהיטן ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, און אַזוי אויף ווייטער. דערמיט איז פאַרענטפערט די קשיה, וואָס אין איין פּלאַץ ווערט געזאָגט: ווען זיי וואָלטן אָפּגעהיט איינאיינציקן שבת, און דאָ ווערט געזאָגט: צוויי שבתים. ווייל דער עיקר איז אַן איינציקער שבת, און ווען אַ מענטש היט אָפּ איין שבת דינט ער גאָט אַ גאַנצע וואָך מיט אַ ריין האַרץ און מחמת דעם איז אים לייכט אָפּצוהיטן דעם צווייטן שבת. און דאָס איז דער רמז פון פּסוק: „און די קינדער פון ישראל זאָלן היטן שבת, צו מאַכן דעם שבת״.

ג

„און אויפן זיבעטן טאָג זאָל זיין ביי אייך הייליק״ — לויטן מאמר חז״ל: „איין העלפט פון אים פאַר גאָט, און איין העלפט פון אים פאַר אייך,״ און דאָס איז „זאָל זיין פאַר אייך״ הייליק, אַז דער „פאַר אייך״ אייערער זאָל אויך זיין הייליק.

ד

דער מענטש, הגם ער געפינט זיך אויף דער ערד, איז זוכה דורך זיינע מעשים אַרומצוגיין זיין גאַנץ לעבן אין די עולמות־העליונים, בפרט שבת. די קדושה פון שבת איז אַזוי גרויס, אַז דורך איר קען דער מענטש זיך באַהעפטן מיט דער אויבערשטער קדושה. קומט אויס, אַז שבת קערט זיך דער מענטש אום צו זיין שורש. דאָס איז דער „כי בו שבת״, פון לשון „שיבה״ זיך צוריקקערן „פון גאָר זיין אַרבעט, וואָס גאָט האָט באַשאַפן צו מאַכן״. באַגרייפט דאָס וואָרט „צו מאַכן״, אַז אַפילו די מלאכה וואָס גאָט האָט באַשאַפן אין דעם עולם־המעשה, דער מענטש, קערט זיך שבת אום דורך זיין מחשבה צו די עולמות־העליונים, מחמת דער גרויסער ליכטיקייט פון שבת און זיין קדושה.

## ר' דוב מעזעריטשער

(אַ תלמיד פון בעש"ט)

נאָך בריאת־העולם האָט גאָט גערופן דעם זיבעטן טאָג ש ב ת, אַ לשון פון צוריקקער, ווען אַלע באַשאַפענע קערן זיך צוריק צו זייער שורש. דער וואָרצל, כביכול האָט געלויכטן איבער די צווייגן, און זיי האָבן גע־גלוסט און געהאַט אין אים תענוג און געגאַרט נאָך אים. אַ משל צו אַ קינד, וואָס פאַרגעסט זיין פאָטער און ס'האַרץ לעכצט נאָך קינדערשע שפּילערייען, נאָר ווען ער טוט אַ קוק און דערזעט זיין פאָטער — וואַרפט ער אַלץ אַוועק, לויפט און באַהעפט זיך אָן אים, מחמת, ס'איז פלייש פון זיין פלייש.

## ר' פנחס קאָרעצער

(אַ תלמיד פון בעש"ט)

## פון „מדרש פנחס"

„האָט אויפגעהערט און גערוט, ווי נאָר ער האָט אויפגעהערט, וויי, איז פאַרלוירן געגאַנגען אַ נפש". איז דאָך אַ קשיא, אָט דעם פסוק האָט מען באַדאַרפט זאָגן שבת־צונאַכט און ניט שבת, אַפילו אַז מען זינגט אים יאָ מיט אַ שיינעם ניגון. פון דעם קען מען פאַרשטייך, אַז דער חולה גמור שפּירט ניט קיין שום ווייטיק, ווייל ער האָט ניט קיין געזונט גליד, וואָס זאָל דערשפּירן דעם ווייטיק, אָבער דער געזונטער מענטש ביי וועמען איין אבר טוט וויי, דערשפּירט מיט אַלע אברים דעם ווייטיק פון יענעם איינציקן אבר. דער מענטש דורך אַלע טעג פון וואָך איז קראַנק אויף אַלע אברים פון זיין נשמה און שפּירט דאָס כלל ניט, מחמת דעם אויבנדערמאָנטן טעם, און שבת, ווען ער קומט צו זיך אַביסל הויבט ער אָן דערשפּירן זיין גרויס ווייטיק און די קראַנקייט פון זיין נשמה און דאָס מיינט, אַז וויבאַלד ער האָט גערוט, ווי ער דערשפּירט די קדושה פון שבת, וויי, איז פאַרלוירן געגאַנגען אַ נפש, ווייל ער דערוויסט זיך און דערשפּירט זיין ווייטיק און זיין קראַנקייט.

## ר' נחום טשערנאָבילער

## פון „מאור־עינים"

„דער וואָס גיט דעם שבת תענוג גיט מען אים אַ נחלה, וואָס האָט גאָר ניט קיין גרענעצן". למשל, אַ מענטש האָט אַ קליינעם זון, איז הגם דאָס קינד טוט אָפּ אַ סך קינדערשע נאַרישקייטן, איז ער דאָך גורם דער־מיט אַ תענוג זיין טאַטן און ער האָט נחת פון זיין ליבשאַפט, מחמת דער

טאַטע פאַרשטייט, אַז דאָס קינד וועט אויסוואַקסן, וועט ער טאָן זאַכן מיט שכל און פאַרשטאַנד, און דאָס וואָס עס פאַרנעמט זיך אַצינד מיט קינדערשע טועכצן, איז דאָס בלויז אַ צוגרייטונג פאַר אַ לעבן אין דער צוקונפט, און דעריבער האָט ער אים ליב. דאָס אייגענע איז מיטן מענטשן וואָס דינט גאָט, הגם זיין שכל איז קליין, פונדעסטוועגן האָט דערפון הקדוש־ברוך־הוא אַ נחת־רוח, ווייל ער געדענקט, אַז ווען דער מענטש וועט גרייכן צו גדלות־המוח, וועט ער אַלץ מתקן זיין און אַלץ וועט זיין גוט. און דאָס ווערט אָנגע־רופן „אַ געצערטלט קינד, וואָרום ווי נאָר איך רייד פון אים — בענקען בענק איך ווידער נאָך אים", ס'הייסט, איך געדענק, אַז ער וועט קומען צו גרויסקייט און וועט אַלץ מתקן זיין. ווייל אַלע טעג פון וואָך ציען זייער יניקה פון בורא'ס כוח, נאָר דאָס אַלץ מיט אַ צמצום און קליינקייטן און פאַרקליידט אין מלבושים. אָבער שבת „איז אַ נחלה גאָר אָן גרענעצן", ווען ס'איז קיין צמצום ניט פאַראַן, ווי למשל אין אַ שעה, ווען דער טאַטע שטייט איבערן קינד און האַלט אים צוריק פון קינדערשע נאַרישקייטן און איז אים מדריך אין וועג פון שכל און פאַרשטאַנד.

# ר' ישראל דער קאָזשעניצער מגיד

## א

ניטאָ קיין מלך אָן אַ פאָלק. דער כביכול ווערט ניט אָנגערופן מיטן נאָמען מלך און האָט קיין תענוג ניט, סיידן ווען אידן דערהויבן זיך צו אים דורך זייער עבודה. קומט אויס, אַז ווען אידן מאַכן שבת אויף דער ערד און דערהויבן זיך אין טאָג פון שבת — אין זיין שבת דערהויבן זיי זיך, ווייל ער איז דער שורש פון שבת און פון תענוג. דאָס מיינט „די עולה פון שבת" (עולה פון לשון עליה) צו דער דאָזיקער מדרגה גרייכט אַ איד דורך די יחודים און הכנות פאַר קדושה, וואָס ער טוט דורך דער גאַנצער וואָך, ווייל יחוד־האל און יחוד־שבת זיינען זיך מצרף איינע מיט די אַנדערע אים צו דערהויבן.

## ב

דאָס ליכט פון חכמה און די השגחה פון בורא שיינען תמיד אויף די קינדער פון ישראל מיט גרויס קלאָרקייט אין שבת קודש. דעריבער האָבן די אַלטע מתקן געווען אַז יעדן ערב שבת, איידער זיי באַקומען די דאָזיקע קלאָרקייט, זאָל יעדער תשובה טאָן, זיך וואַשן און טובל'ען און זיך אָנטאָן אין ווייסן לכבוד־שבת, וואָס אין אים אַנטפּלעקט זיך דאָס ליכט פון חכמה און מיר הויבן זיך אויף צו קדושה, ביז צו דער בחינה וואָס ווערט אָנגערופן „הייליק איז ישראל ביי גאָט".

# ר׳ שמחה בונים פון פשיסכע

## די צירונג פון שבת

ווען אידן האָבן אַרויסגעזאָגט נעשה ונשמע, זיינען געקומען זעכציק רבוא מלאכים און יעדן איינציקן אידן באַקרוינט מיט צוויי קרוינען. און ווען זיי האָבן געזינדיקט, זיינען אַרונטערגעקומען הונדערט און צוואַנציק רבוא מלאכי־חבלה און זיי אַרונטערגענומען, ווי ס׳שטייט געשריבן: (שמות ל״ג, ו׳) „זיינען די קינדער פון ישראל אויסגעליידיקט געוואָרן פון זייער צירונג, פון באַרג חורב אָן״ (שבת, פ״ח).

דער מיין פון די קרוין־צירונגען, וואָס די מלאכי־השרת האָבן באַקרוינט די אידן, איז ד׳אָס וואָס גאָט פלעגט ענטפערן די אידן נאָך אידער זיי האָבן צו אים מתפלל געווען. די בחינה פון „און ס׳וועט זיין, אידער זיי וועלן רופן — וועל איך שוין ענטפערן״ (ישעיה ס״ה, כ״ד) און ווען אידן האָבן געזינדיקט דורכן עגל איז די דאָזיקע צירונג פון זיי אַראָפּגענומען געוואָרן, און יעדער איינציקער איד דאַרף טאָן תפילה מיטן מויל, ניט בלויז מיטן האַרצן. די כוונה פון פסוק: „און איצט נעם אַראָפּ דיין צירונג פון זיך און איך וועל באַטראַכטן, וואָס איך זאָל טאָן מיט דיר״ (שמות ל״ג, ה׳) איז, ווען דיין צירונג איז פון דיר אַרונטערגענומען געוואָרן צוליב דער זינד פון עגל, וועל איך ניט געבן דיר דיינע באַדערפענישן ביז דו וועסט זיי אויסדריקן אין דיין תפילה.

נאָר אין טאָג פון שבת קערט משה אום צו קינדער פון ישראל זייער פריערדיקע צירונג און זיי קומען צוריק צו זייער מדרגה פון נאָכן מעמד פון באַרג סיני. און דאָס איז וואָס מיר זאָגן שבת אין דער פרי אין דאַווענען: משה זאָל זיך פרייען מיט דער מתנה פון זיין חלק, ווען ער איז געשטאַנען פאַר דיר אויפן באַרג סיני. דעריבער האָבן די חכמים ז״ל געזאָגט: „אַ מענטש זאָל שבת ניט בעטן פאַר זיינע באַדערפענישן,״ ווייל זיי וועלן ממילא אים געגעבן ווערן. און ר׳ יהושע בן לוי האָט אויך געהאַט אויף דעם בכוונה, ווען ער האָט געזאָגט: „דער וואָס גיט אָפּ שבת תענוג — גיט מען אים אַלץ וואָס זיין האַרץ באַגערט״. ס׳הייסט, מ׳גיט אים אויך אַלע זיינע פאַרבאָרגענע פאַרלאַנגען, וואָס זיינען ניט אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון אים אין זיין תפילה.

ר׳ שמחה בונעם פון פשיסכע האָט געזאָגט: ס׳איז ניטאָ קיין בעסערע מצוה פון סוכה, מחמת אַ מענטש גייט אַריין אין איר מיט אַלע זיינע אברים, מיט זיינע מלבושים און שטיוול אין דער מצוה אַריין.

האָט געענטפערט און געזאָגט ר׳ שלמה ליב פון לענטשנע: גרעסער פון דעם איז די מצוה פון שבת: מחמת אַ מענטש קען ניט טאָן קיין שום פעולה און קען ניט מאַכן די מינדסטע באַוועגונג — קומט נאָר אָן די צייט פון שבת איז ער אין דער מצוה. און נאָך מער: ער גייט אַפילו קיין איין רגע ניט אַרויס פון דער מצוה.

## ר׳ נחמן בראַצלאַווער

(אַן אייניקל פון בעש״ט)

# שמחה איז דער עיקר פון כבוד-שבת

דורך אָפּהיטן שבת איז מען זוכה צו אמונה. און אַלע צדקות וואָס מענטשן טוען האָבן קיין שלימות ניט, סיידן נאָר דורכן שבת. און אַלע ברכות און השפּעות וואָס קומען דורך צדקות, האָבן קיין שלימות ניט, סיידן דורך שבת, וואָס איז אין דער בחינה פון שלימות פון אַלץ אין דער וועלט, און אַלצדינג באַקומט זיין שלימות דורכן שבת־קודש, דאָס אייגענע מיט פאַר־שטאַנד און מיט תורה. דאָס שבת׳דיקע עסן איז טייער און זייער הייליק, ווייל דאָס שבת־עסן איז הייליק אָן קיין צומיש פון פּסולת. און די סטרא־אחרא האָט כלל וכלל קיין שום חלק ניט אין שבת׳דיקן עסן, ווייל ס׳איז אינגאַנצן הייליק און דורכן שבת׳דיקן עסן ווערט דער כעס בטל און אונטער־טעניק און אַלץ — איז לויטער ליבשאַפט און שלום. און דער שבת גיט זיין השפּעה אין אַלע וועלטן און מאַכט רוען זיין ליכטיקייט אויף אַלע מדרגות און היילט אַ רפואת הגוף און רפואת הנפש. דורך דער קדושה פון שבת איז מען זוכה צו אמת׳ער ענִיוּת, היינו: זען די אייגענע קליינקייט און דערקענען דאָס חשיבות פון פאָלק ישראל, און זיך מוסר־נפש זיין פאַר אידן, ווי משה רבינו, עליו השלום.

דורך דער שמחה פון שבת איז דער מענטש זוכה צו פרייהייט, און מ׳באַדאַרף זיך זייער און זייער היטן צו זיין פריילעך און גוט־אויפגעלייגט אום שבת. און די עיקר־מצוה פון כבוד שבת איז די שמחה, ניט אַרויסווייזן חס־ושלום קיין עצבות און קיין שום דאגה און זיך משמח זיין הן מיט עסן און מיט טרינקען, הן מיט מלבושים, ווייל דאָס שבת׳דיקע עסן איז כולו קודש, כולו רוחניות, און גייט אויף לגמרי אין אַן אַנדער פּלאַץ, ווי דאָס וואָכעדיקע עסן. וואויל איז דעם וואָס מיט זיך שבת זיך צו פרייען, ווייל דער עיקר פון כבוד־שבת איז די שמחה.

## ר' מנחם מענדל קאָצקער

בעסער איין שעה פון תשובה און מעשים־טובים אויף דער וועלט פון גאַנצן לעבן פון עולם־הבא" — דאָס מיינט, די דריטע סעודה פון שבת.

## ר' אברהם סאָכאַטשאָווער

### וועגן „זכור" און „שמור"

שבת איז די מידה פון דבקות אין השם יתברך, און איז אין דער בחינה פון „זכור". און דער וואָס שפּירט, אַז ער איז ווייט פון דער דאָזיקער דבקות און האָט דערפון צער — איז אין דער בחינה פון „שמור." „זכור ושמור — אַלץ וואָס ס'איז פאַראַן אין היטן, איז פאַראַן אין געדענקען" (ברכות כ'). אַז דער מענטש קומט אין דער בחינה פון היטן, ווען ער דערשפּירט זיין דערווייטערונג פון שבת, קומט ער שוין ממילא צו דבקות אָן שבת.

## ר' יהושע בעלזער

### די מלאכי השרת און די מלאכי־השלום

ערב שבת, ווען די מלאכים קומען אַריין אין הויז פון אַ אידן — זיינען זיי אין דער בחינה פון מלאכי־השרת, דאָס הייסט זיי זיינען אין דער מדרגה העכער פון מענטשן. נאָכדעם, ווען זיי זעען, אַז די ליכט זיינען אָנגעצונדן ביים אידן אין הויז און דער טיש איז געגרייט לכבוד־שבת, ווערן זיי אָנגערופן מלאכי־השלום, ס'הייסט, דער באַלעבאָס שטייט העכער פון זיי אין מדרגה. און אַזוי זאָגן מיר אין אָנהייב: שלום עליכם מלאכי השרת, און נאָכדעם: „בואכם לשלום, ברכוני לשלום, צאתכם לשלום, מלאכי־השלום."

### פון „תפילה למשה"

מיטן אַריינקום פון שבת גייט אַרונטער אויפן מענטשן אַ גרויס ליכטיקייט און דערהויבונג פון די עולמות־העליונים. נאַרישע מענטשן מיינען, אַז דורך דער דאָזיקער באַלויכטונג האָבן זיי געפונען אַ תיקון אין זייער צדקות, דעריבער בלייבן זיי אין זייער גאווה פון האַרצן אינדערפינצטער און מער זיינען זיי ניט משיג. נאָר ווען די דאָזיקע באַלייכטונג קומט אויף צדיקים שעמען זיי זיך זייער, וואָס אין זייער שפל'ער מדרגה זיינען זיי צוגעקומען צו אַ גרויסער בחינה. דאָס מיינט דאָס וואָרט „שבת" די אייגענע אותיות ווי בשת. דערפון גרייכן זיי צו נאָך העכערע מדרגות, ביז גאָר אָן אַ סוף.

## ר׳ מרדכי טשערנאָבילער

## שבת מיינט שלימות

קומט שבת — קומט רו״. — ווייל מנוחה מיינט שלימות, און די זאַך וואָס מען דאַרף טאָן איז אין דער בחינה פון חסרון. דעריבער זיינען די זאַכן, וואָס פעלן תמיד אויס דעם מענטשן, ווי געלט אָדער כבוד, אין דער בחינה פון די וואָכעדיקע טעג, און ניט אין דער בחינה פון שבת, וואָס מיינט שלימות.

די אותיות פון „בראשית״: „ירא שבת״. (האָב מורא פאַרן שבת.) אַ מענטש באַדאַרף זיך אָנקליידן מיט אימה און פחד דורך אַלע זעקס טעג פון אַרבעט און זיך דאגה׳ן: ווי וועל איך אַריינקומען אין טאָג פון שבת, ווייל דער שבת האָט זיין השפעה אויף די זעקס טעג פון וואָך, נאָר דער אינדער־וואָכן גרייט אָן אויף שבת.

## וועגן חלול־שבת

שבת און ישראל זיינען אין דער בחינה פון צוויי ליבהאָבער, וואָס זיינען פאַרבונדן איינער מיטן צווייטן מיט לייב־און־לעבן. דער שבת זאָגט: איך בין מבטל זיך אַליין און מיין כבוד צוליב אַ אידישן נפש. אדרבה, אַז אַ איד ווערט קראַנק, איז יענער געלויבט, ווער עס איז מיך מחלל וואָס גיכער. (יומא, פרק ד׳, עמוד ב׳) און ישראל זאָגט: איך שענק אַוועק מיין לעבן צוליב דעם כבוד פון שבת — דער וואָס איז מחלל־שבת איז חייב־מיתה.

דעריבער איז חלול־שבת פאַר אַלעמען אין די אויגן האַרבער ווי אַ באַהאַלטענער חלול־שבת. ווייל באַהאַלטענערהייט איז בלויז פאַראַן דער חלול־הכבוד פון שבת, ווען אָבער אַן אָפענער חלול־שבת איז שוין אין דעם פאַראַן אַ חלול־השם אויך, וואָס דער שבת קען אויף דעם ניט מוחל זיין.

## ר׳ יוסף סאמיגה

## פון „מקראי קודש״

### .1

## שבת אַנטפּלעקט זיך דאָס באַהאַלטענע ליכט

אין דעם ערשטן טאָג איז באַשאַפן געוואָרן דאָס ליכט, וואָס איז באַהאַלטן פאַר צדיקים אויף דער קומענדיקער וועלט, ווי ס׳איז פאַראַן אין בראשית רבה: אַ משל צו אַ מלך, וואָס האָט געהאַט אַ שיינעם חלק און האָט דאָס אָפּגעטיילט פאַר זיין קינד. און ס׳איז באַוואוסט, אַז אין טאָג פון שבת אַנטפּלעקט זיך אַביסל פון יענעם ליכט און די פאַר׳משפּט׳ע אין גיהנום קומען אַרויס און רוען זיך אָפּ פון זייער צער און עונש, און אַלע אידן באַקומען

אַ נשמה־יתירה פון דאָזיקן ליכט אין טאָג פון שבת, ווייל ס'איז אַ דוגמא פון קומענדיקער וועלט, וואָס איז כולו־שבת, און אין זוהר פון פרשה בראשית: „שבת איז אַ דוגמא פון דער קומענדיקער וועלט" (פרק ב').

## 2.

## פאַרוואָס די תורה איז געגעבן געוואָרן שבת

משה האָט אין זיין חכמה געזען, אַז ס'איז ראוי די תורה זאָל געגעבן ווערן צום פאָלק ישראל אין טאָג פון שבת. פאַרוואָס? מחמת אידן זיינען אין טרדות דורך אַלע טעג פון וואָך און שבת רוען זיי און זיינען שטיל און זיי באַקומען אויך אַ נשמה־יתירה. און די חכמים האָבן געזאָגט: אַז שבתים און יום־טובים זיינען געגעבן געוואָרן צו אידן בלויז דערפאַר, כדי צו לערנען תורה. און נאָך, ווייל אידן ביי מתן־תורה זיינען געשטעלט געוואָרן אויף דער מדרגה פון בעלי־תשובה. און דער שבת איז אויך בייגעשטאַנען אדם־הראשונ'ען, אים מציל צו זיין פון גיהנום, ווי ס'איז פאַראַן אין בראשית־רבה: אדם־הראשון האָט געטראָפן קינ'ען. זאָגט ער צו אים: וואָס איז געוואָרן מיט דיין משפט? זאָגט ער צו אים: כ'האָב געטאָן תשובה און באַפרייט געוואָרן. האָט אָדם־הראשון גענומען פאַלן אויף זיין פנים. האָט ער געזאָגט: אַזוי גרויס איז דער כוח פון תשובה און איך האָב ניט געוואוסט. האָט ער תיכף אָנגעהויבן און געזאָגט: מזמור שיר ליום השבת... און אָדם הראשון איז ניצול געוואָרן פון דין פון גיהנום צוליב דעם זכות פון שבת... און גאָט־ברוך־הוא האָט מסכים געווען מיט משה'ס דעה און די תורה איז געגעבן געוואָרן אין טאָג פון שבת.

# ר' ברוך פון מעזבוזש

(אַן אייניקל פון בעש"ט)

## 1.

## שבת איז גרעסער פון עולם־הבא

שבת איז גרעסער פון עולם־הבא, מחמת שבת איז דער קוואַל, וואָס פון אים ווערט דער עולם־הבא גענומען.

## 2.

## שבת טאָר מען ניט זיך מצער זיין

איינמאָל איז ביי ר' ברוך מעזבוזשער איינגעשטאַנען איינער אַ חשובער און בכבודיקער מענטש, וואָס איז צוריקגעקומען פון ארץ־ישראל, און זיין חשיבות ביים רבי'ן ר' ברוך האָט זיך שטאַרק אָנגעזען, ווייל ר' ברוך האָט

אים זייער מקרב געווען און פרייטיק־צו־נאַכט פלעגט ער עסן ביים רבינ׳ס טיש. דער דאָזיקער מאַן איז געווען איינער פון יענע, וואָס טרויערן תמיד אויף ציון און ירושלים, וואָס זייער דרך איז תמיד צו זיפצן און וויינען. און ווען דער רבי האָט געזונגען „כל מקדש" מיטן געוויינטלעכן ניגון און איז געקומען צו די ווערטער „די ליבהאָבער פון גאָט וואָס וואַרטן אויפן אויפבוי פון בית־המקדש" — האָט דער רבי אַ קוק געטאָן אויפן אורח און דערזען, אַז ער איז טרויעריק און זיפצט ווי אינעדרוואָכן. האָט דער רבי אָפּגעלאָזן דעם ניגון פון זמר און האָט זיך אויף אים אָנגעבייזערט: „ליבהאָבער פון גאָט, וואָס וואַרטן אויפן אויפבוי פון בית־המקדש, אין טאָג פון שבת־קודש זייט אויפגעלייגט און פריילעך"! און גלייך נאָכדעם זיך צעזונגען מיטן געוויינטלעכן ניגון.

## ר׳ נפתלי ראָפּשיצער

## פון „אהל נפתלי"

ר׳ נפתלי ראָפּשיצער (דער רבי פון גאון ר׳ חיים סאַנדזער און אַ תלמיד פון לובלינער צדיק) פלעגט שטאַרק מאריך זיין אין די ניגונות און זמירות פון שבת׳דיקן שלש־סעודות, ווען אויף מאָרגן איז אויסגעפאַלן תשעה־באב. ער פלעגט זאָגן: שבת איז ביי אונדז אַ טייערער בכבודיקער אורח — לאָמיר אים נאָך אַביסל פאַרהאַלטן; און דו, תשעה־באב, מעגסט וואַרטן און הלוואַי וואָלסטו צו אונדז אינגאַנצן ניט געקומען. דו ביסט ביי אונדז ניט קיין חשוב׳ער אורח. וואַרט אַביסל און מירן זיך פאַרברענגען מיט דער מלכה־שבת און זינגען זמירות פון איר כבוד וועגן.

## ר׳ יחיאל מיכל זלאָטשאָווער

(אַ תלמיד פון בעש"ט)

## פון „מים רבים"

די באַשאַפענע אויף דער וועלט האָבן ניט געוואוסט פון פרייד, ווען זיי זיינען באַשאַפן געוואָרן, מחמת יעדער איינער איז אָפּגעריסן געוואָרן פון זיין פלאַץ און די עולמות־העליונים. בלויז שבת קערן זיי זיך צוריק צו זייערע פלעצער. דאָס איז דער פירוש פון די ווערטער: „וואָס האָט דער וועלט געפעלט — מנוחה; געקומען שבת — איז געקומען מנוחה".

## ר' יצחק מאיר פון גור

שבת איז ווי אַ מנורה מיט באַזונדערע רערן, איטלעכער רער איז געמאַכט געוואָרן ס'זאָל זיך אַריינפּאַסן און זיך אויפשטעלן אין אַ גאַנצע מנורה, און אַזוי טאַקע איז זיין אויסזען. אַזוי זיינען די זעקס טעג באַשאַפן געוואָרן כדי זיי זאָלן זיך אַנשליסן אַן שבת, און לויט די הנהגה פון מענטשן דורך די זעקס טעג פון אַרבעט, אַזוי איז זיין אויסזען אין טאָג פון שבת.

## ש. מ. גשורי

# דאָס שבת'דיקע זינגען ביי די מקובלים און די חסידים

קבלה און חסידות — אין ביידע איז פאַראַן הייליקע פּאָעזיע פון אידנטום בכלל, און אין ביידע האָט דער שבת בפרט געפונען אַ שטאַרקן שטיצפּונקט צו באַקעמפן די אויסערלעכע שווערקייטן פון גלות לעבן, האָט אַנטפּלעקט די ליכטיקייט פון שבת און דערגרייכט צום שלימות'דיקן אויסדרוק. נאָר דער כוח פון חסידות איז גרעסער פון כוח פון דער קבלה, ווייל דאָס חסידות האָט מער אויפגעטאָן אויף דעם געביט, אַריינגעמענדיק אין דער וועלט פון שבת דאָס געזאַנג, ניט בלויז ווי אַ גורם פון תענוג און שמחה, נייערט, ווי אַן עלעמענטאַרן יסוד, וואָס אָן אים לאָזט זיך די השפּעה פון דער נשמה־יתירה ניט שפּירן. דאָס חסידות האָט אַריינגעגעבן די קדושה פון שבת אין זינגען און אין תענוג פון געזאַנג אויף אויפן שבת.

שבת און וואָך זיינען תמיד געווען ביי אידן צוויי פאַרשיידענע באַזונדערע וועלטן. די זעקס טעג פון וואָך זיינען געווען דער סימבאָל פון חומריות און גשמיות, און דער שבת — אַ סימבאָל פון רוחניות און דערהויבונג. אַפילו די וואָכעדיקע טעג זיינען געווען ווי אַ פּרוזדור צום היכל פון שבת, וואָס האָט זיי געגעבן גייסטיקייט און געהאָלפן פאַרמינדערן די האַרטקייט פון אינדערוואָכיקער פאַרשקלאַפטקייט.

די קבלה מאָלט דעם טאָג שבת אין אַ הימליש געשטאַלט. דער שבת איז משפּיע פון זיין גרויסער שפע אויך אויף אַלע טעג פון דער גאַנצער וואָך, „וואָס פון דעם טאָג ווערן געבענטשט אַלע זעקס אויבערשטע טעג", און ווימנדיק דעם סוד פון נגינה און איר השפּעה אויפן לעבן, האָבן די מקובלים זיך געפלייסט שבת צו זינגען וואָס מער. די קרוין פון זייער געזאַנג איז ביי זיי קבלת־שבת, וואָס ווערט באַגלייט מיט אַן אויבערשטער קדושה און ליכטיקער פּאַטריאַרכאַלישקייט. דאָס איז די פּרעלודיע פון דער גרויסער סימפאָניע, וואָס ציט זיך העכער פון פיר און צוואַנציק שעה.

דורך דער השפעה פון קבלה האָט ר׳ יצחק לוריא, וואָס האָט געלעבט אין צפת, מחבר געווען זמירות פאַר שבת פאַר אַלע דריי סעודות. דורך זיין השפעה האָט דער משורר ר׳ שלמה אַלקבץ געשריבן דעם הימן „לכה דודי״. פון צפת, דעם צענטער פון קבלה, האָט זיך פאַרשפּרייט דער מנהג צו זינגען ביי קבלת־שבת, אַזוי ווייט אַז ס׳איז געקומען דערצו, אַז מ׳האָט אָנגעהויבן זיך באַנוצן מיט כלי־זמרים מקבל־שבת צו זיין אין די שולן. צפת איז געוואָרן דער ליכט־טורעם פאַר אַלע אייראָפּעאישע אידן. נאָך ביים סוף פון זיבעצנטן יאָרהונדערט איז געווען דער מנהג אין איטאַליע „מקבל־שבת צו זיין מיט גרויס שמחה און מיט זיסע ניגונים, און אין כמה קהילות איז מען מקבל־שבת אין שול מיט כלי־זמרים און משוררים, און עצבות איז פאַרווערט געוואָרן אום שבת״. („כבוד חכמים״, ווענעציע) דער צערעמאָניאַל פון זינגען פלעגט אָנהאַלטן אַ לאַנגע צייט. נאָך ביים סוף פון אַכצנטן יאָרהונדערט האָט מען זיך נוהג געווען מקבל־שבת צו זיין מיט געזאַנג און צו באַגלייטן די קאַפּיטלעך תהלים, פון „לכו נרננה״ ביז „בואי בשלום״ מיט מוזיק־אינסטרו־מענטן. עדות אויף דעם זיינען די רייד פון ר׳ הערץ שייער פון מאַינץ (אין זיין ספר „אלה דברי הברית״): „אין דער קהילה קדישא פון פּראַג זיינען פאַראַן ניין שולן, און אין דער גרעסטער פון זיי איז מען זיך נוהג מקבל־שבת צו זיין מיט כלי־זמרים, און בלויז ביז „בואי בשלום״. אַמאָליקע צייטן איז געווען דער מנהג אין אונדזער קהילה מקבל־שבת צו זיין אין שול מיט כלי־זמרים.״ נאָר מיט דער צייט האָט זיך ביי די דייטשישע אידן אָנגענומען דער קוק פון דער קבלה־מעשית, וואָס צייכנט זיך אויס מיט איר פּעסימיזם און פּייניקונג פון גוף. אין די תקנות פון ווערמייזע (וואָרמז) פון יאָר ת״א שטייט פאַרשריבן: „דער אָרטיקער חזן זאָל שבת ניט זינגען קיין ניגונים, סיידן אין די גוטע שבתים איז דערלויבט צו זינגען בלויז איין ניגון״. (בלע־טער פיר יודישע געשיכטע אונד ליטעראַטור, 1905 ז׳ 10) דער דאָזיקער קוק האָט זיך אַלץ מער און מער אַנטוויקלט אין פּוילן, ווי אַ היסטאָרישער מוז, נאָך די צרות פון די גזירות פון ת״ח ות״ט. אין בריסקער ועד פון יאָר שפ״ג האָט מען געמאַכט אַ תקנה, אַז „קיין שום חזן זאָל שבת ניט זינגען מער פון דריי ניגונים; שבת ראש־חודש און פון ד׳ פּרשיות — האָט ער רשות צו זינגען פיר ניגונים.״ דאָס חסידות האָט געפונען דעם שבת אין אַ מצב פון פרישות און ירידה און האָט באַנייט די יוגנט פון שבת, דורכדעם, וואָס עס האָט ווידער געעפנט פאַר איר דעם היכל־הנגינה. דאָס געזאַנג האָט ווידער געפונען זיין פּלאַץ אין שבת. פון יענער צייט אָן איז דער שבת אינ־גאַנצן כבוד און שמחה. און דעם אידנס הויז איז פול געוואָרן מיט געזאַנג און ניגון. דורכן ניגון איז נתעלה געוואָרן די דריטע סעודה צום קרוין פון אַלע סעודות, ווייל דורך איר קומען צו אַנטפּלעקונג די געפילן פון בענקשאַפט

נאָך דער שכינה פון דער נשמה־יתירה, ווען ס׳איז שווער זיך צו שיידן מיטן שבת, ביז כלות־הנפש. דאָס חסידות האָט איינגעטיילט פון שבת׳דיקן גייסט אויך אויף דער סעודה פון „מלווה־מלכה״ און האָט צוגעגעבן פון וואָך צו דער הייליקייט.

ר׳ ישראל בעל־שם־טוב האָט צוריקגעקערט צו דער מלכה־שבת איר נשמה און שמחה און געלייגט דעם ווינקלשטיין פאַרן חסידישן ניגון, וואָס איז אַנגעזאַפּט מיט די גלוסטונגען נאָכן שבת. ווען ער איז אַרויס אין דער אידישער גאַס, האָט ער געפונען, אַז דאָס פאָלק לעבט אין עצבות און פייניקונג, און מער פון אַלץ, ער האָט געפונען די געווירצן פון גאָט־ברוך־הוא׳ס אוצרות, דעם טאָג שבת, אין נידעריקן געפאַלענעם מצב. דער כבוד פון שבת איז פאַר־טריבן געוואָרן פון אידן. דער שבת׳דיקער גייסט האָט זיך ניט אַנגעזען מער פון דעם וואָכעדיקן גייסט. דער עיקר האָט געפעלט: אַ שבת לשמה, אַ שבת־דיק געפיל, וואָס זאָל פאַרזיסן דעם טרויער פון דער וואָך און זיי געבן הרחבת־הדעת. דעם שבת האָט געפעלט זיין עיקר׳דיקע פּאָעזיע, דעם מזמור שיר ליום השבת. דאָס ביסל נגינה, וואָס איז נאָך געווען געבליבן, איז געווען אַ טרויערדיקע, אַן עצבותדיקע. דער שבת האָט אויסגעזען ביים בעל־שם אין די אויגן, ווי אַ ברייטער, גערעמער זילבערנער פּאַלאַץ, פול מיט אַלע תענוגים פון לעבן און ליכטיקייטן, נאָר איז אויסגעליידיקט געוואָרן פון זיינע באַוואוי־נער, און מען הערט ניט קיין קול פון געזאַנג און פריילעכקייט. די גרעסטע מערהייט פון אידישן ציבור האָט געגאַרט זיך אַרויסצורייסן פון מצב פון עצבות און לעבנס־פאַרמינדערונג און געוואַרט אויף אַ לערער וואָס זאָל קומען צו איר און זאָל וויסן ווי אַזוי צו פאַרזיסן איר ביטער לעבן, וואָס זאָל געפינען אַ דערלייכטערונג פאַרן וואָכעדיק לעבן, און אַ דערהויבונג און אַ נשמה־יתירה פאַרן טאָג פון שבת. און דעם דאָזיקן געגאַרטן לערער האָט דאָס פאָלק געפונען אין בעל־שם־טוב, וואָס האָט אומגעקערט די קרוין פון שבת איר אַמאָליקן גלאַנץ. דער בעש״ט האָט צוריקגעגעבן דעם ערב־שבת די שמחה פון גרייטן זיך פאַר דער מלכה, ווי ר׳ יצחק לוריא אין זיין צייט האָט געטאָן. ערב־שבת נאָך האַלבן טאָג פלעגט ער דאַווענען מנחה מיט זיינע תלמידים אין אַ מנין און באַלד נאָכדעם — מקבל־שבת זיין. לכבוד שבת פלעגט ער זיך אָנטאָן אין ווייסע בגדים און פלעגט האָבן פאַרגעניגן צו זינגען זמירות מיט זיינע בני־בית. דער ניגון איז ביי אים געווען „אין דער בחינה פון אהבה און יראה, וואָס פאַרשפּרייט זיך פון אויבן ביז אונטן, ביז די אונ־טערשטע מדרגות״. אין דער נאַכט פון שבת איז ער געווען אין גרויס קדושה אין וואונדערלעכער דבקות און געזונגען זמירות מיט ניגונים צוגעפּאַסט צום פייערלעכן שבת׳דיקן געמיט. און יעדן שבת אין שבת פלעגט ער זאָגן תורה פאַר זיינע תלמידים אין דער דריטער סעודה.

אַזוי האָט דער בעש"ט אומגעקערט צום שבת זיין נשמה'דיקע שמחה. און ס'איז ניטאָ קיין שום גאווה אין זיינע רייד, אַז דער וואָס האָט געהאַלטן ביי אים שבת און געגעסן אויף זיין טיש, אין יענעם האָט ער אַריינגעגעבן אַ סם־חיים, אים אויסצוהיילן און אים העלפן פון אַלע זיינע תאוות. און נאָך מער, די דאָזיקע רפואה האָט אויף יענעם משפיע געווען, אַז ער זאָל זיך פירן פון דעמאָלט אָן מיט קדושה און מיט טהרה ביי זיך אין הויז.